**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול**

״עס איז מיר טיף צום באדויערן הערנדיג פונעם טויט פון דר. קאלווין א. באטס דער דריטער, אן אויסערגעווענליכער פירער וועלכער האט געדינט אונזער סטעיט, אונזער שטאט און אונזער לאנד מיט באשיידנקייט, ארנטליכקייט און מיט אומגעהויערע ענערגיע. דר. באטס האט געדינט אלס פעסטאָר פונעם היסטארישן אביסיניען בעפּטיסט קירכע אין הארלעם, אלס פרעזידענט פון SUNY אלד וועסטבורי, דער גרונדער פונעם טראנספארמאטיוון אביסיניען דעוועלאָפּמענט קאָרפּ., און אלס וויזיאנערישער פירער וועלכער האט געהאלפן אויפשטעלן דעם ׳טורגאד מארשאל אקאדעמיע פובליק סקול׳ אין מאנהעטען.

דר. באטס איז געווען א לעבנסקראפט פון מאראלישע קלארקייט, אן אדוואקאט פאר זיין הארלעם קאמיוּניטי, א יועץ צו פילע פון אונז אין פובליק אמט, און איך בין שטאלץ געווען אים צו רופן א פריינט. ביל און איך געבן אפּ א געבעט פאר זיין פרוי, פאטרישע באטס, זייערע קינדער און אייניקלעך און פאר אלע ניו יארקער וועלכע האבן געשפירט די השפעה פון דר. באטס וויזיאנערישע פירערשאפט. מיר וועלן זיך נאך אים שטארק בענקען.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן